ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## האזינו — שבת (ת)שובה

**(חלק כד)**

יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וארבע לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות

שבוע פרשת האזינו, שבת תשובה, ב־ח תשרי, ה׳תשפ״ד (א)

**LIKKUTEI SICHOT**

Copyright © 2023
by
KEHOT PUBLICATION SOCIETY
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# האזינו

## — שבת (ת)שובה —

א. שירת האזינו[1] איז פון די שירות וואָס די לויים פלעגן זאָגן אין בית המקדש אַלס שירה על הקרבן[2], וז"ל הרמב"ם (אין הל' תמידין ומוספין[3]): „במוספי שבת אומרים שירת האזינו וחולקין אותה לששה פרקים הזי"ו ל"ך כדרך שקוראין אותה ששה בבית הכנסת".

דאַרף מען פאַרשטיין:

שירת האזינו איז דאָך תוכנה — דברי תוכחה, ביז אַז דאָס ברייגנגט זיך אויך להלכה (אַלס אַ חידוש) ווי דער רמב"ם זאָגט אין הל' תפלה[4]: כל העולה לקרות בתורה פותח בדבר טוב ומסיים בדבר טוב, אבל פרשת האזינו קורא הראשון עד זכור ימות עולם כו', און ער רעכנט אויס בפרטיות וועלכן חלק מ'לייענט פאַר שני שלישי רביעי חמישי וששי, און איז מסיים: ולמה פוסקין בה בענינות אלו מפני שהן תוכחה כדי שיחזרו העם בתשובה.

ולכאורה: „תוכחה" און „שירה" זיינען צוויי באַזונדערע, און נאָכמער: היפכ'די־קע ענינים[4*]!

ב. דאָס וואָס די תורה רופט אָן „האזינו" מיטן נאָמען „השירה הזאת"[5], איז מבאר דער רמב"ן[6]: „ויקראוה שירה כי ישראל יאמרוה תמיד בשיר ובזמרה, וכן נכתבה כשירה, כי השירים יכתבו בהם הפסק במקומות הנעימה"[7].

ס'איז אָבער מובן, אַז ס'איז שווער צו זאָגן אַז (נאָר) צוליב אָט די טעמים איז האזינו נקבע געוואָרן אַלס שירת הלויים (במוספי שבת), ווי מ'זעט עס פון די אַנדערע פסוקים, וועלכע מ'האָט קובע געווען אַלס שירה[8] על הקרבנות[9] (כאָטש אַז רובם זיינען ניט געשריבן

1) כן נקראת ברמב"ם הל' ס"ת פ"ז ה"י. פ"ח (בספר אלה הדברים). הל' תמידין ומוספין דלקמן בפנים. ועוד.

2) ר"ה לא, א.

3) פ"ו ה"ט.

4) פי"ג ה"ה.

4*) לכאורה יש להוכיח שהם ב' ענינים הפכיים ממ"ש הרמב"ם בהל' חנוכה פ"ג ה"ו: אבל ראש השנה ויום הכפורים אין בהם הלל לפי שהן ימי תשובה ויראה ופחד לא ימי שמחה יתירה [דאף שכותב זה בנוגע להלל — הרי הלשון בגמ' ר"ה (לב, ב) וערכין (י, ב) — מקורו של הרמב"ם (מ"מ הל' חנוכה שם) — דאין ישראל אומרים שירה. וכ"כ בשו"ע אדה"ז או"ח ר"ס תקפד: א"א הלל כו' ואיך יאמרו שירה. ומפורש בלבוש שם ס"א לענין כמה פזמונים שאין אומרים בר"ה „שכל אלו הם שירות וא"א שירה בר"ה ויוהכ"פ"*. וראה גם מאירי ר"ה שם: וטעם הדבר מפני שהוא זמן הכנעת הלב ולא זמן שירה] —

אבל אינו נדו"ד — כי שם מדובר ע"ד תשובה ויראה של האדם ושירתו, ולא אמירת תוכחה (מוסר) ושירה — להאדם.

5) וילך לא, יט (ראה פרש"י ובמפרשי התורה). שם, כא. כב. ל. פרשתנו לב, מד.

6) וילך לא, יט.

7) וראה בארוכה מעשי ה' כאן (מעשי תורה פרק לח) בפי' ענין שירה.

8) ולהעיר דבירושלמי (מגילה פ"ג ה"ז) ובמס' סופרים (פי"ב ה"ח) נק' שירת האזינו „שירת הלוים" סתם.

9) ר"ה שם. רמב"ם הל' תמידין ומוספין שם. וראה לח"מ שם.

*) וכן משמע בחדא"ג ערכין שם: אבל שירת אז ישיר אומרים בר"ה וביה"כ דאינו אלא סיפור דברים שירה שאמרו משה וישראל. ומשמע ששירה (שאינה סיפור דברים) אין אומרים.

**באופן של שירה[7] נאָר) דערפאַר וואָס זייער** תוכן **איז שירה צום אויבערשטן — אָנהויבנדיק פונעם שיר שהיו הלויים אומרים ביום הראשון „לה' הארץ ומלואה[10] (על שם שקנה והקנה ושליט בעולמו[11])", ביז צום שיר ביום השבת „מזמור שיר ליום השבת"[12] („ליום שכולו שבת" אָדער „ע"ש ששבת"[13]), ועד"ז דער שיר „במנחתא דשבתא[9] כו' אז ישיר ומי כמוכה" וכו'.**

**און אויך בנוגע צום לשון „השירה הזאת" (אין תורה) טייטשט דאָך דער תרגום[14] אַז דאָס איז „תושבחתא", ביז אַז דאָס ווערט גערעכנט[15] אַלס איינע פון די עשר שירות וואָס „אתאמרו בעלמא הדין", וואָס די אַנדערע שירות זיינען אַלע אויף טובות וחסדים גלויים פון אויבערשטן; אָנהויבנדיק פון „מזמור שיר ליום השבת" וואָס אדה"ר האָט געזאָגט ווען „אתא יומא דשבתא ואגין עלוי", ביז צו דער צענטער שירה וואָס מ'וועט זאָגן בקרוב ממש אַרויסגייענדיק פון גלות.**

**ג. דאָס וואָס כללות הפרשה ווערט אָנגערופן „שירה" קען מען פאַרשטיין, ווייל „השירה הזאת הבטחה מבוארת בגאולה העתידה"[16], ווי מבואר** בסוף **השירה (ועד"ז בתחלתה).**

**וויבאַלד אָבער מ'האָט ניט קובע געווען צו זאָגן גאַנץ שירת האזינו באַם קרבן מוסף פון יעדן שבת, נאָר יעדער חלק (פרק) אין אַן אַנדער שבת, „ששה פרקים כו' פרק בכל שבת", איז ניט מובן:**

**בשלמא ביי די ערשטע פרקים פון דער שירה מיט זייער תוכן פון דעם אויבערשטנס טובות און חסדים צו אידן, און אַזוי אויך די לעצטע פרקים, וואו דער אויבערשטער איז מבטיח אַז ער וועט זיי ניט מכלה זיין און אַז סו"ס וועלן זיי זוכה זיין צו דער גאולה — איז מובן דער ענין ה„שירה" שבהם; אָבער די חלקים שבינתיים, וואָס רעדן וועגן דער ירידה גדולה פון אידן און די עניני עונש וכו'[17] — ווי קען מען די פרקים** בפני עצמם[18] **אָננעמען אַלס שירה אין זייער באַשטימטן שבת[19]?!**

**ד. בנוגע דער חלוקה לויט די סימנים פון „הזי"ו ל"ך" זיינען פאַראַן כמה דעות[20]. ומהם:**

**לפי פירוש רש"י[21] האָט מען דעם פערטן שבת געזאָגט (סי' ו' פון „הזי"ו"**

10) תהלים מזמור כד.

11) ר"ה שם.

12) תהלים מזמור צב.

13) כב' הדיעות בר"ה שם.

14) ת"א ותיב"ע במקומות שבהערה 5.

15) תרגום לשה"ש בתחלתו. וראה אוה"ת ריש שה"ש.

16) רמב"ן סוף פרשתנו. וראה בחיי פרשתנו שם, מא. ובהנסמן בהערה הבאה.

17) ראה בארוכה תוכן החלוקה דשירת האזינו – אברבנאל ריש פרשתנו (אמנם מבאר אופן החלוקה לא כהחלוקה ד„הזי"ו ל"ך" שבגמ' (לפרש"י ועוד) ולא כהרמב"ם). ספורנו פרשתנו לב, ז. ועוד.

18) ולהעיר שלפי פרש"י פרשתנו פסוק יב: ואני אומר דברי תוכחה הם כו' — גם תחילת השירה הוי דברי תוכחה.

19) להעיר שבגמ' שם „איבעי' להו הני כולהו בחד שבתא אמרי להו או דילמא כל שבתא ושבתא אמרי חד", ולכאורה י"ל שזוהי הסברא דצד הא' של האיבעי', כיון דכל פרק בפ"ע אין בו תוכן של שירה (אבל ראה לקמן הערה 35). ובס' יום תרועה לר"ה שם כתב דמלשון הטור (או"ח סתכ"ח) משמע דס"ל דכל פרשת האזינו היו משוררים אותה בכל שבת במקדש. וראה לקמן שוה"ג להערה 27.

20) ראה בפרטיות אנציקלופדי' תלמודית ע' הזי"ו ל"ך. וש"נ.

21) בר"ה שם. ובתוס' שם: כ"כ בספרים . . וכן המנהג. הגמ"י לרמב"ם הל' תפלה שם. ובכ"מ.

פון „וירא ה׳ וינאץ וגו׳״[22] ביז (סי׳ ל׳ פון „ל״ך״) „לולי כעס אויב״[23]; וואָס דער פרק רעדט בלויז וועגן דעם עונש וכו׳ פון אידן[24]; און כעין זה איז אויך דער פינפטער פרק לויט פירש״י – פון (ל׳) „לולי כעס אויב וגו׳״ ביז (כ׳) „כי ידין ה׳ עמו״[25] – וואָס ביז דאָרטן „העיד עליהם משה דברי תוכחה להיות השירה הזאת לעד כשתבוא עליהם הפורענות כו׳״[26].

לויטן סדר החלוקה פון רמב״ם[27], איז „הרביעי מן וירא ה׳ וינאץ עד לו חכמו״[28], וואָס איז כולל דעם פסוק „לולי כעס אויב אגור״ – די סיבה אויף שלילת הכלי׳, „והחמישי מן לו חכמו עד כי אשא אל שמים ידי״[29], וואָס אין דעם זיינען איינגעשלאָסן די פסוקים „כי ידין גו׳ ועל עבדיו יתנחם״ ביז „כי אשא אל שמים ידי״, וועלכע זיינען שוין בכלל „דברי תנחומין״[30] און ישועת ה׳ –

קומט אויס, אַז לויט חלוקת הרמב״ם איז ניטאָ קיין פרק (פון די ו׳ פרקים) וואָס זאָל אַנטהאַלטן בלויז **דברי פורעניות**, ווייל אויך די צוויי מיטלסטע פרקים האָבן אין זיך פון דברי תנחומים.

אעפ״כ איז מובן, אַז אויך לדעת הרמב״ם איז עס ניט מספיק אַז מ׳זאָל דעם תוכן פון די צוויי פרקים אָנרופן שירה לה׳ – אפילו ניט דעם פרק חמישי, וויבאַלד אַז דער גרעסטער טייל פון די פסוקים בהפרק[31] זיינען דברי תוכחה, פון „לו חכמו גו׳״ און ווייטער, און אַוודאי ניט דעם פרק רביעי וואָס כולו „דברי תוכחה״, וואָרום „לולי כעס אויב גו׳״ איז דאָך באמת אַ „תוכחה״ כמובן (– אַז בלויז צוליב „כעס אויב״ האָט דער אויבערשטער ניט אויסגעפירט דעם „אשביתה מאנוש זכרם״[32], רחמנא ליצלן)[33].

22) לב, יט.

23) שם, כז.

24) ועד״ז ע״פ החלוקה שבאשכול (הלכות סדר פרשיות והפטרות סכ״א) בשם רב האי גאון.

25) פסוק לו.

26) פרש״י פסוק לה ד״ה (האחרון) וחש. ופשיטא לפי החלוקה שבאברבנאל (שבהערה 17), דחלק הג׳ והד׳ והה׳ הוי רק תוכחה.

27) בהל׳ תפלה שם. וכ״ה דעת הרי״ף והרא״ש מגילה פ״ג (פ״ד) ס״ב. מאירי ר״ה שם. מגילה כה, ב. טושו״ע או״ח שם*. ועוד (נסמנו באנציק׳ שם הערה 25).

28) פסוק כט.

29) פסוק מ.

30) פרש״י הנ״ל (הערה 26) „מכאן ואילך העיד עליהם דברי תנחומין כו׳״.

*) ושם דהיו קורין השירה פעם אחת לששת ימי השבוע. וראה דרישה שם. רש״ש לר״ה שם. וראה יום תרועה הנ״ל.

31) להעיר שמפשטות לשון הרמב״ם בהל׳ תפלה שם „כל העולה לקרות בתורה פותח בדבר טוב ומסיים בדבר טוב אבל פרשת האזינו קורא כו׳ והשלישי מירכיבהו עד וירא ה׳ וינאץ והרביעי מן וירא ה׳ וינאץ עד לו חכמו כו׳״* (שמפרט רק התחלות הפרשיות ולא סיומן ואף שעי״ז כופל ההתחלה) משמע, דזה שפוסקין בה בענינות אלו מפני שהן תוכחה, היינו דפתיחת הפרשיות הוי תוכחה (ולא „דבר טוב״).

32) פסוק כו.

33) באברבנאל וילך (לא, יט ואילך) כתב: וגם נקרא שירה מגזרת אשורנו ולא קרוב להיות הגדת העתידות לא איום ולא דבר נאמר בתנאי כתוכחו׳ ואלות הברית (וראה גם רמב״ן פרשתנו לב, מ. מעשי ה׳ שם פ״מ. ועוד). ועפ״ז לכאורה י״ל שלכן גם כל פרק בפ״ע נחשב כ„שיר״, כי שרים לה׳ כאשר רואים איך שכל חלק מנבואת ה׳ מתקיים. אבל (נוסף על הדוחק שבזה, שכאשר רואים וכו׳ הקיום דפורעניות כו׳ יעורר זה שיר לה׳

*) משא״כ בלבוש שם ס״ה: ואע״ג דבשאר שבתות השנה אין **מסיימין** בדברי תוכחות כו׳ בשבת זו **מסיימין** באלו הפרשיות כו׳.

**ה. וי״ל אַז דער רמב״ם אַליין באַ־וואָרנט דאָס בדיוק לשונו:**

**דער לשון הגמרא בענין זה איז „במוספי דשבתא מה היו אומרים אמר רב חנן כו׳ אמר רב הזי״ו ל״ך, ואמר רב חנן כו׳ אמר רב כדרך שחלוקין כאן כך חלוקין בבית הכנסת". אין רמב״ם איז אָבער דער לשון „במוספי שבת אומרים שירת האזינו וחולקין אותה לששה פרקים הזי״ו ל״ך כדרך שקוראין אותה ששה בבית הכנסת ואומרין פרק בכל שבת. גמרו השירה בששה שבתות חוזרין לראש".**

**א) דער רמב״ם איז** משנה **—**

**(א) דעם** סדר **הענינים: אין גמרא „כדרך שחלוקין** כאן **כך חלוקין בבית הכנסת", אַז די חלוקה „בבית הכנסת" איז „כדרך" ווי די חלוקה „כאן"; און דער רמב״ם זאָגט פאַרקערט, אַז די חלוקה דאָ איז „כדרך שקוראין אותה בבית הכנסת".**

**(ב) דעם** לשון **פון גמרא „שחלוקים" — וברמב״ם „**שקוראים **(אותה ששה בבית הכנסת)".**

**ב) ער איז** מוסיף **—**

**(א) בתחלת לשונו (במוספי שבת) „אומרים שירת האזינו כו׳ הזי״ו ל״ך", משא״כ אין גמרא שטייט בלויז „הזי״ו ל״ך";**

**(ב) בסיום לשונו — „גמרו השירה בששה שבתות חוזרין לראש".**

**וי״ל אַז דער רמב״ם איז מבאר בכהנ״ל דעם גדר פון שירת האזינו במוספי שבת:**

**די שירת הפרק בכל שבת איז ניט אַ שירה** בפ״ע, **אַ באַזונדער שירה פרק ביי דעם מוסף פרטי, נאָר אין יעדערן פון די „במוספי שבת אומרים** שירת האזינו**", יעדער פרק איז „שירת האזינו", אַלע פרקים זיינען איין „חפצא" — שירת האזינו.**

**נאָר דער דין שירה במוספי שבת אויפן „גברא" (די לוים) איז איין פרק.**

**ויתירה מזה — עס איז איין ציווי[34] אויף אַלע ששה שבתות[35].**

**און דעריבער איז דער רמב״ם דאָ** מוסיף **(ומדגיש) „וחולקים אותה לששה פרקים הזי״ו ל״ך כדרך שקוראין אותה ששה בבית הכנסת", דערמיט איז ער**

**(רק) מצד זה שנתקיימה נבואה*), הרי הרמב״ם כתב בפירוש „מפני שהן** תוכחה**".**

**גם אין לתרץ שתלוי (אי הוי תוכחה או שירה) בהדיעות בספרי (הובא בפרש״י בסוף פסוק מג): ור״י דורש כולה כנגד ישראל ור״נ דורש את כולה כנגד העובדי כוכבים — כי גם לדעת ר״נ כמה פסוקים בהתחלת דברי התוכחה הוי נגד ישראל.**

*) ובדוחק י״ל שהשירה בזה היא, כי כאשר רואים קיום נבואה זו, ה״ז מוכח שגם הנבואה ע״ד הנחמה והגאולה תתקיים (ראה רמב״ן שם. אברבנאל בפרשתנו), וע״ד הסיום במס׳ מכות שרע״ק **משחק**. אבל קשה לומר שזה תהי׳ הוראה לכל אחד, היינו שכן צ״ל הנהגה והרגש אצל כ״א בכל הזמנים. ובמכש״כ מזה שגם שם רוב התנאים היו בוכין מתחלה.

34) **היינו העבודה שעל כללות שבט לוי „לשורר על הקרבן" (ראה רמב״ם הל׳ כלי המקדש פ״ג ה״ב וג׳). אבל לא על הלוים הפרטיים הללו שהתחילו השירה, דהרי בכל שבת עובד משמר אחר (רמב״ם שם ה״ט).**

35) **וי״ל דמקורו דהרמב״ם הוא מר״ה שם, מזה דאיבעי׳ להו „הני כולהו בחד שבתא אמרי להו או דלמא כו׳", דלכאורה בהשיר דכל יום (גם דשבת) אומרים רק פרק אחד כבגמ׳ שם לפנ״ז, ומכיון דרב ענן (חנן) אמר רב מפרש „הזי״ו ל״ך", שמודגש דהוי** ששה פרקים**, מהיכא תיתי דיאמר ששה פרקים בחד שבתא. ומובן דלהש״ס מוכח ד„הזי״ו ל״ך" הוי הכל שירה אחת, ולכן ס״ד דכולהו בחד שבתא אמרי להו.**

**מדגיש ניט (אַזוי) דעם** מקום החלוקה **נאָר** (**בעיקר**) **אַז דאָס איז** איין **ציווי קריאה**: **פונקט ווי אין ביהכנ״ס איז „קוראין** אותה **ששה״, אַז מ׳לייענט די זעקס פרקים אַלס איין קריאה**[36], **עד״ז איז די אמירה במוספי שבת בבית המקדש איין אמירת שירה**[37] **— שירת האזינו, ס׳איז נאָר וואָס „אומרים פרק בכל שבת״**[38].

**און דעריבער: ווען הייסט עס אַז מ׳האָט מקיים געווען אמירת השירה במוספי שבת — ווען „**גמרו השירה **בששה שבתות״.**

**און וויבאַלד אַז דער דין שירה מיינט דאָ ניט דעם זאָגן „בכל שבת״ אַ באַזונ־דער פרק פון „הזי״ו ל״ך״, אַלס אַ באַזונ־דער זאַך (וואָס דעמולט וואָלט געקענט זיין אַ קס״ד, אַז מ׳קען זאָגן וועלכן פרק עס זאָל זיין, אָדער עכ״פ לאו דוקא חוזרין** לראש[39]), **נאָר „אומרים שירת האזינו״ כולה אַלס איין חטיבה, דערפאַר, פירט אויס דער רמב״ם, אַז „גמרו השירה בששה שבתות חוזרין** לראש״ (**דוקא**).

**ו. די נקודה פון** גאַנץ **פ׳ האזינו אַלס איין שירה איז מובנת:**

**אַלע פרטי השירה, אויך די דברי תוכחה שבה** (**וואו עס רעדט זיך וועגן די חטאים ועונשים**), **זיינען מבאר און ברענ־גען אַרויס ניט נאָר אַז „הצור תמים פעלו כי כל דרכיו משפט א־ל אמונה ואין עול צדיק וישר הוא״**[40] **וואָס ווערט געזאָגט בתחלת השירה** [**וואָס דאָס רופט נאָך ניט אַרויס אַ** *שמחה גלוי׳ בשירה והודי׳*], **נאָר**[41] **אַז** אַלע **מאורעות פון אידן, אפילו די וואָס זעען אויס ווי היפך הטוב, טוט זיי דער אויבערשטער צוליב** איין **תכלית — די גאולה האמיתית והשלימה באחרית הימים. ד. ה., די אַלע ענינים זיינען שלבים אין סדר העליות וואָס ברענגען די שלימות הטוב פאַר אידן, וואָס דורך דעם ווערט נתגלה לעת״ל מלכותו של הקב״ה בשלימות.**

**ז. לכאורה פאָדערט זיך נאָך ביאור: וואָס איז די שייכות און דער טעם וואָס די חלוקה לששה שבתות טוט אויף דעם ענין השירה?**

**ויש לומר** (**ע״פ פנימיות הענינים**) **אַז די שירה ב**(**מוספי**) **שבת איז בהתאם צו דער שירה בששת ימי השבוע**[42].

**די הסברה בזה:**

**די מזמורי השירה אין די ששת ימי השבוע — יום ראשון לה׳ הארץ ומלואה בשני גדול ה׳ ומהולל מאד וכו׳ — ריידן וועגן ענינים און פעולות וועלכע ברענ־גען אַרויס, זיינען מגלה אלקות אין דער**

---

36) להעיר שלולא גזירת הבאים והיוצאים היו מברכים רק ברכה א׳ בתחלת הז׳ קרואים ואחת בסיומם (מגילה כא, סע״ב). וראה מג״א או״ח ר״ס רפב: דכולהו ז׳ גברי כחד חשיבי דהא בזמן התלמוד הראשון מברך לפני׳ והאחרון לאחרי׳ (וראה שו״ע אדה״ז שם ס״ג).

37) ולהעיר דכל השירה הוי חדא פרשה. וראה טורי אבן ר״ה שם ד״ה עד שהראשונה.

38) וזה שכתב „ר״ח שחל בשבת שירה של ראש חודש דוחה את שירה של שבת״ (רמב״ם הל׳ תו״מ שם ה״י) — ראה מנ״ח מצוה שיב קרוב לסופו, דמסיק דלא היו דוחין אותה לגמרי משבת זו אלא שהיו קורין אותה במנחה.

39) להעיר מהמנהג בכ״מ בשמח״ת — כשחוזרין וכופלין ומשלשין וכו׳ בקרה״ת חוזרין לא לראש הסדרה (כתר שם טוב (גאגין) ח״א מנהגי עלית התורה ס״ז. וראה גם רמ״א או״ח סתרס״ט).

40) פסוק ד.

41) ראה גם לשון הספורנו שם בתחלתו. וראה חזקוני ס״פ וילך. אברבנאל פרשתנו. ועוד.

42) ואולי י״ל עד״ז ובהמשך לזה שחלק ד„שביעי״ דהאזינו (השלמות דהסה״כ דהזי״ו ל״ך ו„עלה גו׳ ומת בהר גו׳״) הוא בדוגמת „ויכולו השמים גו׳ וישבות גו׳״ דיום השביעי דמע״ב.

בריאה (בעולמו)[43]; בשבת אָבער, ווען „שבת מכל מלאכתו", אלקות איז העכער פון מלאכתו — פון דער בריאה, איז גילוי אלקות דעמאָלט פאַרבונדן מיט תורה וישראל ווי זיי זיינען העכער פאַר דער בריאה.

וכשם ווי אין דער שירה צום אויבערשטן בנוגע עניני הבריאה זיינען דאָ זעקס מזמורים בששת ימי השבוע, עד"ז וכעין זה[44] זיינען דאָ די זעקס פרקים אין די עניני התגלות פון אויבערשטן ביחס צו אידן און זייער שייכות צו תורה (וואָס דאָס איז כל תוכן השירה, ובלשון הכתוב „למען תהי' לי השירה הזאת לעד בבני ישראל", „וענתה השירה הזאת לפניו לעד כי לא תשכח מפי זרעו גו'"):

„ביום[45] הראשון היו אומרין לה' הארץ ומלואה"[46] — „שקנה והקנה ושליט בעולמו"[47], וואָס דער תוכן איז אַז די וועלט איז דעם אויבערשטנ'ס „קנין" און ער איז דער שליט וכו' — אַזוי אין דעם ערשטן פרק פון האזינו וואָס רעדט עד"ז בנוגע צו ישראל ותורה („יערוף כמטר לקחי", „שאני אומר בפניכם תורה שנתתי לישראל שהיא חיים לעולם כו'"[48], און ווי ס'איז מפורש בסיום הפרק „הוא אביך קנך הוא עשך ויכוננך"[49], ווי די מציאות פון אידן איז פאַרבונדן מיטן אויבערשטן.

„בשני היו אומרין גדול ה' ומהולל מאד בעיר אלקינו הר קדשו וגו'"[50] — „שחילק מעשיו ומלך עליהם"[51], וואָס ווייזט אויף דער פעולה והתגלות פון אלקות אין דער בריאה; לנגד זה זאָגט מען בפרק שני פון שירת האזינו „בהנחל עליון גוים גו' יצב גבולות עמים למספר בני ישראל כי חלק ה' עמו גו'"[52] — ווי אידן זיינען אויסגעטיילט פון אַלע אומות דערמיט וואָס „קבלו עליהם תורתו ומלכותו ועולו"[53], און אויך וועגן דעם ריבוי החסדים והטובות וואָס דער אויבערשטער האָט מיט אידן געטאָן, וואָס ברענגט נאָכמער אַרויס דעם „גדול ה' ומהולל מאד גו'".

„בשלישי היו אומרין אלקים נצב בעדת א־ל בקרב אלקים ישפוט"[54], וואָס ווייזט אויף אַן ענין פון גבורה והעלם

[וואָרום נוסף ע"ז וואָס שם אלקים בכלל איז אַ מגן ונרתק אויף שם הוי' כמ"ש[55] כי שמש ומגן ה' אלקים (וואָס

43) ראה בפרטיות בגמ' ר"ה שם.

44) עפ"ז אולי יש לפרש ל' הטושו"ע שם שהוא לנגד ששת ימי השבוע. אבל דוחק הוא בהלשון. ובלבוש שם מוסיף: והיו מחלקין אותה לששת ימי המעשה.

45) ל' הרמב"ם הל' תו"מ שם (ועד"ז בשאר הימים כדלקמן בפנים). וכלשון המשנה סוף תמיד. בר"ה שם: בראשון מה היו אומרים כו'. וכן ביום השני. ובע"י בכל הימים „מהו אומר".

46) כן הובא ברמב"ם שם. וכבר"ה שם. ובסוף תמיד וע"י ר"ה שם מוסיף „תבל ויושבי בה".

47) ר"ה שם לב' המ"ד ר"י משום רע"ק ור"נ. אלא שבלשון ר"י מוסיף (וכן בשאר הימים, לבד שבת) ע"ש שקנה כו'. וראה שו"ת כנסת יחזקאל סי' קט.

48) פסוק ב ובפרש"י עה"פ.

49) פסוק ו.

50) כ"ה ברמב"ם שם. והוא ע"פ המשנה דסוף מס' תמיד (בלי „וגו'". וצע"ק ברמב"ם שהרי קדשו הוא סוף פסוק). ובר"ה הובאה רק התחלת הכתוב „גדול ה' ומהולל מאד" (ובע"י שם מוסיף „וגו'").

51) כ"ה בגמ' לפנינו (בב' המ"ד). ובע"י (והגהות הב"ח) מוסיף (בב' המ"ד) „ונתעלה וישב במרום".

52) פסוק ח ואילך.

53) פרש"י שם יו"ד.

54) כ"ה בתמיד ורמב"ם שם. ובר"ה ליתא „בקרב אלקים ישפוט".

55) תהלים פד, יב. ראה שער היחוד והאמונה פ"ד. שם פ"ו.

דערפאַר איז אלקים בגימטריא הטבע[56], ער איז מסתיר אויף דעם אור פון שם הוי׳ שלמעלה מהטבע[57], איז דאָס מודגש אין דעם פסוק, ווי די גמרא זאָגט אַז מ׳זאָגט „אלקים נצב גו׳״ „ע״ש שגילה ארץ בחכמתו והכין תבל לעדתו״, אַז ס׳איז געווען דער גילוי — עלמא דאתגליא, פון דעם העלם וכיסוי שבעלמא דאתכסיא (וואָס נבראין שבעלמא דאתכסיא זיינען בטל במקורם בדוגמת דגים שבים)[58], ובמילא איז נתגלה געוואָרן בחי׳ „ארץ״, ארציות[59] ]

בדוגמא לזה זאָגט מען בפרק שלישי (פון האזינו) די פסוקים ווי ביי אידן איז געווען דער העלם פון אלקות, ביז צום סיום „ותשכח אל מחוללך״[60].

„ברביעי היו אומרין א־ל נקמות ה׳ א־ל נקמות הופיע״[61], „שברא חמה ולבנה ועתיד ליפרע מעובדיהן״[62] — בהתאם לזה זאָגט מען בפרק רביעי פון שירת האזינו די עונשים ופורעניות פון אידן[63].

„בחמישי היו אומרים הרנינו לאלקים עוזנו הריעו לאלקי יעקב״[64], זאָגט מען אין פרק חמישי די „דברי תנחומין שיבואו עליהם״, וואָס דאָס ברענגט צו „הרנינו גו׳״.

„בששי היו אומרין ה׳ מלך גאות לבש לבש ה׳ עוז התאזר וגו׳״[65], און לנגד זאָגט מען בפרק ששי וועגן דער גאולה באחרית הימים וואָס דעמולט וועט מלכותו של הקב״ה נתגלה ווערן מיטן גאַנצן תוקף ועוז.

ועפ״ז יש לומר, אַז „בא ללמד ונמצא למד״: כשם ווי די ששה פרקים פון שירת האזינו שטעלן צוזאַמען איין (גאַנצע) שירה, כנ״ל — עד״ז זיינען די עניני שירה פון די ששת (שבעת[66]) ימי השבוע (ימי המעשה) ניט (נאָר) באַזונדערע שירות (מזמורים), אַ שיר מיוחד פאַר יעדן טאָג, נאָר זיי אַלע שטעלן צוזאַמען איין (גאַנצע) שירה[67].

56) פרדס שער י״ב פ״ב. ובשל״ה (פט, א) משמע קצת שכן הוא בזהר. שעהיוה״א שם.

57) ראה שער היחוד והאמונה שם בארוכה.

58) ראה לקו״ת צו יד, ב ואילך. ובכ״מ.

59) וראה פרש״י (ר״ה שם): מקום מצב עדתו שנאמר ותראה היבשה. ולהעיר שכללות ענין החטאים (גם אצל אוה״ע בנוגע לשבע מצות) הוא מצד שנתגלה ונרגש מציאות העולם בפ״ע „תבל לעדתו״. וראה חדא״ג מהרש״א שם. ובהפירוש לסוף מס׳ תמיד: ובשלישי שבו נראית הארץ שעלי׳ יהי׳ הדין והדיינין אומר אלקים נצב בעדת א־ל.

60) פסוק יח.

61) כ״ה ברמב״ם תמיד וע״י ר״ה שם. ובגמ׳ ר״ה ליתא סיום הכתוב „א־ל נקמות הופיע״.

62) ר״ה שם.

63) ראה חדא״ג מהרש״א ר״ה שם, שלכן ישראל אמרו מזמור זה בשעת חורבן הבית (ערכין יא, סע״ב).

64) כ״ה בתמיד, ע״י ר״ה ורמב״ם שם. ובר״ה לפנינו ליתא סיום הכתוב „הריעו לאלקי יעקב״.

65) רמב״ם שם. ובר״ה שם ליתא הסיום „לבש . . התאזר וגו׳״. ובתמיד: לבש לבש וגו׳.

66) וי״ל דתלוי בהמחלוקת בר״ה שם אם מזמור שיר ליום השבת הוא „ליום שכולו שבת״ ע״ש להבא (רש״י שם), כדעת ר״י משום ר״ע; או ש(גם) „בשביעי ע״ש ששבת״, כדעת ר״נ*: לר״י משום ר״ע, השיר דיום השבת הוא שיר (גדר) בפ״ע — „ע״ש להבא״, וששת ימי השבוע הם שירה (גדר) בפ״ע — „על שם שעבר״; ולר״נ דאומר „מה ראו חכמים לחלק בין הפרקים הללו״, וגם השיר דשבת הוא באותו הסוג — ע״ש שעבר, כולם — גם דיום השבת — הם בכלל שירה (גדר) אחד. ואכ״מ.

67) ולהעיר דכל השבוע עובד משמר אחד, אלא ד„כל יום מימי השבת עובדים בו אנשים ידועים״ (מאותו משמר) — רמב״ם הל׳ כלי המקדש פ״ג ה״ט.

*) ביאור מחלוקת הנ״ל — ראה לקו״ש ח״ז ע׳ 192 ואילך.

לפי זה דאַרף אויסקומען בנוגע דעם שיר שביום הרביעי „א־ל נקמות ה׳״ „שברא חמה ולבנה ועתיד ליפרע מעובדיהן״ — אַז אויך דאָס איז ניט קיין שיר מיוחד אויף דעם וואָס „עתיד ליפרע מעובדיהן״, נאָר אַז דאָס איז אַ חלק ופרט פון די שירות שבו׳ (ז׳) ימי השבוע, דהיינו דורכדעם ווערט נתגלה ביום הששי די מלוכה פון אויבערשטן[68] — „ה׳ מלך גאות לבש״.

ח. פ׳ האזינו לייענט מען בכו״כ שנים, ווי בשנה זו, בשבת (ת)שובה. עפ״ז י״ל, אַז אין פרשת האזינו איז מרומז ניט בלויז די עצם שייכות צו עשי״ת, וואָס „פוסקים בה בענינות אלו מפני שהן תוכחה כדי שיחזרו העם בתשובה״[69], נאָר אויך די עבודה ותשובה מיוחדת פון שבת תשובה (ועשי״ת בכלל).

דער חילוק צווישן דער תשובה שבכל ימות השבוע צו דער תשובה שביום השבת איז אין דעם, וואָס בימות החול איז די עבודה פון „תשובה תתאה״, און ביום השבת („שב״ת אותיות תש״ב״[70]) איז די עבודה פון „תשובה עילאה״[70].

און אע״פ אַז בכללות איז דאָס דער חילוק צווישן דער תשובה בעשי״ת און דער תשובה שבכל ימות השנה (אַז בכל ימות השנה איז בכללות די עבודה פון תשובה תתאה, און בעשי״ת איז דער עיקר ענין התשובה פון תשובה עילאה)[71], איז אָבער ידוע (ווי גערעדט כמ״פ[72]) אַז דער עיקר ושלימות העבודה פון תשובה עילאה בעשי״ת איז בשבת תשובה.

און דער אונטערשייד כללי צווישן תשובה תתאה און תשובה עילאה בנפש האדם איז — אַז תשובה תתאה קומט ע״י לב נשבר ונדכה, פאַרבונדן מיט מרירות[73], און תשובה עילאה איז „בשמחה רבה״[74].

און דאָס איז מרומז אין שירת האזינו:

זי איז כולל „ענינות . . שהן תוכחה כדי שיחזרו העם בתשובה״, אָבער לאידך גיסא ווערט זי אָנגערופן בשם „שירה״, און די לויים זאָגן איר אלס „שיר על הקרבן (צוזאַמען מיטן ניגון בכלי שיר) — אַן ענין פון שמחה (וואָס דערפאַר איז „אין אומרים שירה אלא על היין שנאמר כו׳ המשמח אלקים ואנשים״[75]). ביז אַז (לחד מ״ד[76]) לערנט מען אָפּ „עיקר השירה מן התורה״ פון דעם פסוק[77] „תחת אשר לא עבדת את ה״א בשמחה ובטוב לבב — איזו היא עבודה שבלב שבשמחה ובטוב לבב הוי אומר זה שירה״.

ט. דער ביאור הנ״ל, אַז שירת האזינו איז ענינה תשובה עילאה, איז בהתאם מיטן תוכן פון פרשת האזינו כפשוטה:

68) וכמו שהוא כפשוטו, שגם ע״י הנקמה באלו שאינם מודים באחדותו ית׳, נתגלה מלכותו בארץ.

69) ובלבוש או״ח שם ס״ה מפורש „מפני שברוב פעמים קורין פרשה זו בשבת שבין ר״ה לי״כ שהם ימי תשובה כדי לעורר את העם שיחזרו בתשובה״. ובשבלי הלקט השלם סי׳ ש״ו (ועוד) מפרשים הסימן „הזי״ו ל״ך״ שכל אות מרמז על איזה ענין ופעולה בשייכות לר״ה עשי״ת ויוהכ״פ.

70) אגה״ת פ״י. וראה לקו״ת ש״ש סו, ג. ובכ״מ.

71) ראה לקו״ת שם. ושם סז, ד.

72) ראה גם לקו״ש חי״ד ע׳ 143 ואילך.

73) אגה״ת פ״ז. וראה שם פ״י.

74) אגה״ת ספי״א (קיא, רע״א).

75) ברכות לה, א. ערכין יא, א.

76) ערכין שם.

77) תבוא כח, מז.

**דער ציווי לכתוב „את השירה הזאת" כפשוטו איז געווען „למען תהי' לי השירה הזאת לעד" — אַן עדות אויף תורה ומצות, ד. ה. אַז די שירה טוט אויף ביי אידן דעם קיום וחיות אין גאַנץ תורה ומצוות[78].**

**און ווי ס'איז אויך מודגש אין דעם, וואָס אע"פ אַז פון דעם פסוק „ועתה כתבו לכם את השירה הזאת גו'" לערנען אַרויס חז"ל[79] אַז ס'איז דאָ אַ מ"ע על כל ישראל אויף צו שרייבן די גאַנצע תורה, אַ ספר תורה — פונדעסטוועגן דריקט דאָס אויס תורה מיטן לשון „השירה הזאת", וואָס בפשוטו של מקרא[80] גייט עס אויף שירת האזינו, ווייל די שירה איז די „עדות" וואָס גיט דעם קיום וחיות אין דער גאַנצער תורה[81].**

**[ויש לומר אַז דאָס איז אויך אָנגעדייטעט אין דעם וואָס גאַנץ שירת האזינו איז אויסגעשטעלט אין איין „פרשה", און אין איין קאַפּיטל[82] — קאַפּיטל „לב"[83], וואָס איז מרמז אויף גאַנץ תורה; כידוע[84] אַז תורה הויבט זיך אָן מיט אַ בי"ת (בראשית) און ענדיקט זיך מיט אַ למ"ד („לעיני כל ישראל") — לב; זאת ועוד, אַז דער אויפטו פון דער שירה איז אויך בדוגמת ענין הלב כפשוטו, וואָס כשם ווי דער קיום וחיות פון גאַנצן גוף איז אָפּהענגיק אין לב[85], אַזוי איז גאַנץ תורה אָפּהענגיק אין (עדות) שירת האזינו[86]. דאָס איז דער „לב" פון דער גאַנצער תורה[87]][88].**

78) כפשוטו של מקרא. ובארוכה באברבנאל וילך שם וכמה מפרשי התורה.

79) סנהדרין כא, ב. רמב"ם רפ"ז מהל' ס"ת.

80) כפרש"י עה"פ ושאר מפרשי התורה. וגם הרמב"ם שם אינו מוציא פי' הכתוב מפשוטו, אלא ממשיך „כלומר כתבו לכם תורה שיש בה שירה זו לפי שאין כותבין את התורה פרשיות פרשיות". וראה רלב"ג וילך שם. שו"ת חת"ס יו"ד סרנ"ד. ביאור הרי"פ פערלא לסהמ"צ רס"ג פרשיות פרשה ס (ריג, ג ואילך).

81) וראה אברבנאל וילך שם שהציווי הי' שכ"א מישראל יעתיק השירה ותהי' שגורה בפי כל אדם. וזהו פי' הפסוק „למען תהי' לי השירה הזאת לעד בבני ישראל" — „רוצה לומר שימצא בפי כל בני ישראל ולא יצטרכו לבקש ספר התורה אבל בפיהם תמצא השירה הזאת".

ואולי י"ל דמכאן מקור להידוע בענין גודל לימוד האזינו ע"י כל אחד (ראה ס' השיחות תש"א ס"ע 56. ס' התולדות מהר"ש ע' 74. ס' הזכרונות פכ"ט ממהר"ל מפראג בזה).

82) גם החלק שלאחר השירה, אבל בא בהמשך להשירה „ויבא משה וידבר את כל דברי השירה הזאת גו'".

83) ידועה השקו"ט בנוגע לחלוקה זו לקאפיטלאך ומקורה — אבל בכל אופן הרי נתפשטה חלוקה זו בהספרים דכל תפוצות ישראל (וגדולי ישראל) ומאז כו"כ דורות, ומנהג ישראל תורה היא. ולהעיר מרמב"ם הל' ממרים (פ"א ה"ב־ג. פ"ב ה"ב) בנוגע למנהגות ומנהג שפשט בכל ישראל. — וראה לקו"ש ח"ה (ע' 57 ואילך. ע' 337 ואילך) בענין שמות הסדרות.

84) ראה אותיות דר' עקיבא אות ב בסופו.

85) ראה זח"ג רכא, ב. אגה"ק סי' לא. שו"ת חכם צבי סע"ד, עו־עז (אבל בפסקי דינים להצ"צ חיו"ד סוס"מ הכריע כדעת החולקים עליו). ונסמן בדרכי תשובה ובניצוצי זהר שם. וראה בארוכה לקו"ש חי"ט ע' 165 ואילך.

86) ולהעיר מסיום וחותם פ' האזינו, אשר לאחרי ש„ויכל משה לדבר את כל הדברים גו' ויאמר אליהם שימו לבבכם גו'".

87) ולהעיר גם ממשנ"ת (לקו"ש ח"ט ע' 156 הערה 23) דהפרק בתניא שמדובר בו הענין דאהבת ישראל הוא פרק לב, והרי אהבת ישראל היא „כל התורה כולה" (שבת לא, א).

88) וראה צרור המור ס"פ וילך: ואמר את דברי השירה הזאת עד תומם להורות ג"כ כו' והיא כלל כל התורה כולה ובה כלולים כל דברי הנביאים כולם, וכל מה שעתיד לבא על ישראל בגלותם ובגאולתם. וראה רמב"ן סוף פרשתנו.

און דאָס איז דער תוכן הענין פון תשובה, ובפרט תשובה עילאה[89], וואָס מיינט ניט „תשובה גשמיות מעבירות"[90], נאָר אַ דרך אין עבודת ה', אַז זיין עבודה איז „להשיב את הנפש למקורה ושרשה ולדבקה בו"[90], וואָס תשובה גיט דעם קיום וחיות אין דער עבודה פון תורה ומצות, באופן אַז זיינע מעשים ווערן (דורך תשובה) „מעשים טובים ומאירים"[91].

און דורכדעם וואָס ישראל עושין תשובה איז מיד הן נגאלין[92], די גאולה הפרטית פון יעדן אידן[93], און יעדער איינער איז זוכה צו דער (שלימות) גמר חתימה טובה ביום הכיפורים.

און עי"ז צו דער גאולה הכללית, די גאולה האמתית והשלימה, וואָס דעמולט וועט זיין „שיר **חדש**" ל' זכר, אַ גאולה נצחית שאין אחרי' גלות[94], במהרה בימינו ממש.

(משיחות ש"פ האזינו תשמ"א ותשמ"ב)

89) נוסף ע"ז דתשו"ע ענינה הוא דיתעסק באורייתא (אגה"ת פ"ח (מר"מ פ' נשא). וראה המשך וככה תרל"ז לאדמו"ר מהר"ש* פס"ט) – ומודגש בשירה האזינו שהיא יסוד וכללות התורה (ראה הנסמן בהערה שלפנ"ז).

90) לקו"ת שמע"צ פ"ה, א. וראה בארוכה לקו"ת ריש פרשתנו. דרושים לש"ש שם. ועוד.

*) להעיר שהשנה – י"ג תשרי תשמ"ג – יתמלאו מאה שנה להסתלקות הילולא שלו. ולהעיר דכללות הוראתו והנהגתו הי' באופן דמלכתחילה אריבער – והרי זהו"ע דתשו"ע, תורה. וכמשנ"ת כמ"פ.

91) לקו"ת שמע"צ שם.

92) רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ה.

93) ראה אגה"ק ס"ד.

94) ראה תוד"ה ונאמר פסחים קטז, ב. הובא בבחיי וילך (לא, ל) לענין שירת האזינו.